## איציק מאַנגער

# רחל גייט צום ברונעם נאָך וואַסער

רחל שטייט בײַם שפּיגל און פֿלעכט
אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ,
הערט זי ווי דער טאַטע הוסט
און סאַפּעט אויף די טרעפּ.

לויפֿט זי גיך צום אַלקער צו:
„לאה! דער טאַטע! שנעל!"
לאה באַהאַלט דעם שונדראָמאַן
און ווײַזט זיך אויף דער שוועל.

דאָס פּנים בלייך און אויסגעצאַמט,
די אויגן רויט און פֿאַרוויינט.
„לאה, מאַכסט פֿון די אויגן אַ תּל,
גענוג שוין פֿאַר הײַנט געליינט."

און רחל נעמט דעם וואַסערקרוג
און לאָזט צום ברונעם גיין –
די דעמערונג איז בלאָ און מילד,
כאָטש נעם און כאַפּ אַ וויין.

זי גייט. און איבערן טונקעלן פֿעלד
בליצט שנעל פֿאַרבײַ אַ האָז.
– טשיריק! – אַ למד-וואָווניקל
טשירקעט אין טיפֿן גראָז.

און אויפֿן הימל שעמערירט
אַן אוירינגל פֿון גאָלד:
„ווען ס'וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
איַי וואָלט איך זיי געוואָלט.”

אַ פֿײַפֿל פֿײַפֿלט אין דער נאָענט:
טרילי, טרילי, טרילי –
און ס'שמעקט מיט דעמערונג און היי
פֿון אַלע שאָף און קי.

זי לויפֿט. שוין שפּעט. אין חומש שטייט:
בײַם ברונעם וואַרט אַ גאַסט,
די קאַץ האָט זיך געוואַשן הײַנט
און זי האָט הײַנט געפֿאַסט.

זי לויפֿט און ס'פֿינקלט איבער איר
דאָס אוירינגל פֿון גאָלד:
ווען ס'וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
איַי וואָלט זי זיי געוואָלט.

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.